בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קס"ז

פרשת ראה שנת תשפ"ז

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - מַאךְ זִיךְ וִויסְנְדִיג -

### אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט

טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן וִוי טֵייעֶר און הֵיילִיג עֶס אִיז עוֹסֵק צוּ זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ' וְכוּ'.

דָאס רֶעכְנְט אַרַיין יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס הָאט סֵיי וָואס פַאר אַ שַׁיְיכוּת אַז דִי אַרְבֶּעט זָאל קֶענֶען גֶעטוּן וֶוערְן רִיכְטִיג, סֵיי דִי מְחַנְּכִים וָואס זִיצְן אַלֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, און סֵיי דִי וָואס אַרְבֶּעטְן אִין אָפִיס אָדֶער דִי וָואס זֶענֶען בֶּעבִּי סִיטֶערְס פַאר דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי לֶערֶערִינְס וְכַדוֹמֶה.

### צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט אַ בָּחוּר צוּ אִידִישְׁקֵייט

מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' דֶערְצֵיילְט מִיר אַסַאךְ מָאל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת, און זִי זָאגְט מִיר אַלֶעמָאל: **"דוּ קֶענְסְט עֶס אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן בַּיי דַיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס דוּ גֶעבְּסְט".** דִי פָאלְגְנְדֶע מַעֲשֶׂה הָאט זִי מִיר דֶערְצֵיילְט, און עֶס קֶען זַיין אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר מְחַנְּכִים.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אִין אַ יְשִׁיבָה, מִיט דִי צַייט אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ גֶעוָוארְן שְׁוַואכֶער און שְׁוַואכֶער אִין אִידִישְׁקֵייט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁנַיידְן דִי בָּארְד און פֵּיאוֹת, בִּיז דִי הַנְהָלָה פוּן זַיין יְשִׁיבָה הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז מֶען דַארְף אִים פַארְשִׁיקְן פוּן יְשִׁיבָה, און מֶען הָאט אִים טַאקֶע פַארְשִׁיקְט.

צְוֵוי יָאר זֶענֶען אַרִיבֶּער. אֵיין טָאג אִינְמִיטְן דִי וָואךְ אִיז פַארְן ראֹשׁ יְשִׁיבָה - וואוּ דֶער בָּחוּר פְלֶעגְט לֶערְנֶען - אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ דַאוֶוענֶען אִין אַ גֶעוִויסֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. פְּלוּצְלִינְג בַּאמֶערְקְט עֶר דֶעם בָּחוּר וֶועמֶען עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט פוּן יְשִׁיבָה, און עֶר זֶעט אַז דֶער בָּחוּר זֶעט אוֹיס זֵייעֶר לַייטִישׁ; עֶר לֶערְנְט טַאקֶע נִישְׁט אִין קַיין יְשִׁיבָה, עֶר אִיז אַן אַרְבֶּעטֶער, אָבֶּער עֶר לֵייגְט תְּפִילִין און דַאוֶוענְט גֶעשְׁמַאק, און עֶס הָאט זִיךְ גְלַייךְ דֶערְקֶענְט אוֹיף זַיין מַהוּת אַז עֶר אִיז מְסוּדָר.

דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם בָּחוּר, אִים גֶעגֶעבְּן 'שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם', און אִים גֶעפְרֶעגְט: **"וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ עֶס בַּאוִויזְן? דוּ זֶעסְט דָאךְ יֶעצְט אוֹיס שֶׁענֶער וִוי וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה; דוּ זֶעסְט אוֹיס הֶערְלִיךְ, דוּ גֵייסְט מִיט אַ בָּארְד און פֵּיאוֹת, און דוּ דַאוֶוענְסְט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק".**

הָאט דֶער בָּחוּר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן דֶעם אֱמֶת, וֶוען מֶען הָאט מִיךְ פַארְשִׁיקְט פוּן יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפִילְט זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי יְשִׁיבָה הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעהַאקְט זֵייעֶר שַׁיְיכוּת מִיט מִיר; קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ מִיר, און קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן מִיר. אָבֶּער אֵיין מַגִּיד שִׁיעוּר הָאט אָנְגֶעהַאלְטְן אַ שַׁיְיכוּת מִיט מִיר, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיר צוּ רוּפְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן. עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט און אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעזֶען אַז דִי אַלֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז זֵיי וֶועלְן מִיר מַאכְן פְרֵיילִיךְ זֶענֶען נִישְׁט קַיין אֱמֶתְ'עֶ גְלִיקְן. אַ דַאנְק יֶענֶעם מַגִּיד שִׁיעוּר וָואס הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר, הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּרִיק גֶעכַאפְּט און זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".**

דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם וָואס דֶער בָּחוּר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ און אִיז מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים. בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם מַגִּיד שִׁיעוּר, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים און גֶעזָאגְט: **"דוּ וֵייסְט וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת דוּ הָאסְט!"** עֶר פְרֶעגְט אִים: **"דוּ גֶעדֶענְקְסְט דֶעם בָּחוּר וָואס הָאט דָא גֶעלֶערְנְט און מֶען הָאט אִים פַארְשִׁיקְט?"** עֶנְטְפֶערְט דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר: **"יָא"**, זָאגְט דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה: **"אִיךְ הָאבּ אִים גֶעטְרָאפְן אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ און גֶעזֶען וִוי עֶר דַאוֶוענְט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק און בַּאטַעֲמְ'ט, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶעם שְׁטַארְקְן דְרֵיי צוּרִיק? הָאט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז דָאס אִיז אַ דַאנְק דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אִים כְּסֵדֶר גֶערוּפְן און זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אִים, דָאס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"**

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר מִיט וואוּנְדֶער: **"אִינְטֶערֶעסַאנְט! אִיךְ פְּרוּבִיר אִים טַאקֶע צוּ רוּפְן פַאר אַ יוֹם טוֹב און אַנְדֶערֶע צַייטְן, וַוייל אִיךְ וִויל אִים גֶעבְּן אַ**

**גוּט וָוארְט, אָבֶּער עֶר הָאט נָאךְ 'קֵיינְמָאל' נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן פַאר מִיר!"**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז גֶעוָוארְן זַייעֶר צֶעפֵּייעֶרְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: **"דָאס וַוייזְט אוּנְז דָאךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, דָאס אַלֵיין אַז אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז 'אֵיינֶער אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר, אֵיינֶער מַאכְט זִיךְ וִויסְנְדִיג פוּן מִיר, אֵיינֶער ווִיל רֶעדְן צוּ מִיר, אֵיינֶער טְרַאכְט פוּן מִיר' - אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר מַאכְט זִיךְ דֶעמָאלְט נִישְׁט וִויסְנְדִיג, קֶען עֶס אִים שְׁפֶּעטֶער צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".**

## מֶען טוּט אוֹיף גָאר אַסַאךְ

נָאךְ אַזַא מַעֲשֶׂה דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט צוּלֵייגְן; דִי מַעֲשֶׂה אַלֵיין רֶעדְט שׁוֹין פַאר זִיךְ. דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק צוּ זֶען וָואס מֶען קֶען אַלְץ אוֹיפְטוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען וַוייזְט פַאר אַ קִינְד אַז מֶען טְרַאכְט פוּן אִים אוּן מֶען אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ אִין אִים.

אִיךְ נִיץ דִי מַעֲשֶׂה אַלְס חִיזוּק פַאר מִיר אַלֵיין, וַוייל אִיךְ שְׁרַייבּ בְּרִיוְון מִיט חִיזוּק פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אוּן אַסַאךְ מָאל הֶער אִיךְ גָארְנִישְׁט צוּרִיק פוּן זֵיי; זֵיי מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּן מִיר. אוֹיךְ קֶען דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס אִיז עוֹסֵק אִין אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים נִיצְן אַלְס חִיזוּק פַאר זִיךְ, צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז נִישְׁט אֵייבִּיג זֶעט מֶען גְלַייךְ וָואס מֶען טוּט אוֹיף, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה טוּט מֶען אוֹיף גָאר אַסַאךְ; אַמָאל קֶען מֶען מִיט אֵיין גוּטֶע גֶעפִיל וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר אַ קִינְד אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן אִין דִי קִינְדֶער

וֶוען מֶען הֶערְט אַזַא מַעֲשֶׂה דַארְף מֶען בַּאמֶערְקְן אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ: מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן עֶס זָאל וֶוערְן אַ דְרַאמַאטִישֶׁע מַעֲשֶׂה וָואס מֶען זָאל קֶענֶען מַאכְן דֶערְפוּן אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בִּיכְל, פוּן אַ קִינְד וָואס מֶען הָאט אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט פוּן אַ מוֹסָד אוּן נָאר אֵיין מְחַנֵךְ הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן אוּן דוּרְךְ דֶעם אִים צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אִידִישְׁקֵייט. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען אַלֶע קִינְדֶער זִיצְן נָאךְ צְוִוישְׁן דִי וֶוענְט פוּנֶעם מוֹסָד; זֵיי זִיצְן אִין כִּתָּה צְוִוישְׁן אַלֶע קִינְדֶער, אוּן מֶען טְרַאכְט פוּן יֶעדְן קִינְד, מֶען אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ אִין יֶעדְן קִינְד, אוּן מֶען גֶעבְּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע וֶוערְטֶער.

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ קִינְד וָואס פֶּעלְט פוּן חֵדֶר אָדֶער שׁוּלֶע. עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג מֶען זָאל אָנְרוּפְן דָאס קִינְד זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן וִוי אַזוֹי עֶר פִילְט, אוּן מֶען זָאל סְפֶּעצִיעֶל אַהֵיימְשִׁיקְן פַארְן קִינְד אַלֶע צֶעטְלֶעךְ וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעטֵיילְט אִין כִּתָּה. דָאס וֶועט מַאכְן דָאס קִינְד שְׁפִּירְן אַז עֶר פֶּעלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיס אִין כִּתָּה, זֶעעֶנְדִיג וִוי דֶער מְחַנֵךְ גֵייט נִישְׁט וַוייטֶער אָן כְּאִילוּ קֵיינֶער וָואלְט נִישְׁט גֶעפֶעלְט, נָאר מֶען טְרַאכְט פוּן אִים, מֶען זָארְגְט זִיךְ וִוי אַזוֹי עֶר פִילְט, אוּן מֶען אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ אִין אִים.

## אַ גוּט וָוארְט אוֹיף נַייעֶ קְלֵיידוּנְג

אֲפִילוּ וֶוען קֵיינֶער פֶּעלְט נִישְׁט אוּן יֶעדֶער גֶעפִינְט זִיךְ אִין כִּתָּה, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר יֶעדְן קִינְד אוּן וַוייזְן אַז מֶען טְרַאכְט פוּן אִים.

לְמָשָׁל: אוֹיבּ אַ קִינְד קוּמְט מִיט נַייעֶ שִׁיךְ אָדֶער אַ נַייעֶ הֶעמְד, זָאל מֶען זִיךְ וִויסְנְדִיג מַאכְן אוּן גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט.

וּבִפְרַט בַּיי מְחַנְכוֹת אִין שׁוּלֶע אִיז נָאךְ וִויכְטִיגֶער צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי תַּלְמִידוֹת אוֹיף זֵייעֶרֶע נַייעֶ קְלֵיידֶער, שִׁיךְ, אָדֶער אַ נַייעֶ רָאבֶּער (גוּמִי) פַאר דִי הָאר.

וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטְקֵייט פוּן אַ נַייעֶ קְלֵייד? בְּלוֹיז כְּדֵי צוּ קֶענֶען קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל אוּן זֶען וִוי שֵׁיין עֶס פַּאסְט פַאר זִיךְ אַלֵיין - אִיז עֶס גָארְנִישְׁט וֶוערְד. דִי גַאנְצֶע הֲנָאָה אִיז נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט אַרוֹיסְגֵיין צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן אוּן וֶוערְן אַנֶערְקֶענְט; אֵיינֶער וֶועט גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, אֵיינֶער וֶועט זָאגְן: **"דוּ זֶעסְט אוֹיס אַזוֹי שֵׁיין", "עֶס שְׁטֵייט דִיר זֵייעֶר גוּט", "וַואוּו, עֶס אִיז הֶערְלִיךְ, וואוּ הָאסְטוּ עֶס גֶעקוֹיפְט?"** דֶערְפַאר דַארְף מֶען וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען רֶעכְנְט זִיךְ מִיט זֵייעֶרֶע גֶעפִילְן אוּן מֶען טְרַאכְט פוּן זֵיי, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ גוּט וָוארְט אוֹיף זֵייעֶר נַייעֶ קְלֵיידוּנְג.

## דֶער בַּאן פָארְט צוּרִיק

מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' פְלֶעגְט אוּנְז אַלְץ זָאגְן אִינְדֶערְהֵיים וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער דֶעם כְּלַל: **"וָואס מֶען טוּט פַאר יֶענֶעם - טוּט מֶען פַאר זִיךְ".** מֶען טוּט פַאר קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט, אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט - טוּט עֶר פַאר זִיךְ אַלֵיין. אַז דוּ שְׁמֵייכְלְסְט צוּ יֶענֶעם - שְׁמֵייכְלְסְטוּ צוּ זִיךְ, אַז דוּ גֶעבְּסְט אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶענֶעם - גֶעבְּסְטוּ עֶס פַאר זִיךְ; צוּם סוֹף קוּמְט אַלֶעס צוּרִיק צוּ דִיר אַלֵיין.

וֶוען אַ לֶערֶערִין גֵייט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן זִי טְרֶעפְט אַ מַאמֶע פוּן אִיר תַּלְמִידָה אוּן זָאגְט אִיר: **"דַיין טָאכְטֶער אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר וואוֹיל!"** אָדֶער אוֹיבּ אַ לֶערֶערִין טְרֶעפְט אֵיינֶע פוּן דִי קְרוֹבִים אָדֶער שְׁכֵנוֹת פוּן אַ תַּלְמִידָה אוּן זִי גֶעבְּט אִיבֶּער אַ שֵׁיינֶע גְרוּס אוֹיפְן קִינְד, אַז דָאס קִינְד אִיז גָאר סְפֶּעצִיעֶל אִין שׁוּלֶע, הָאט דִי לֶערֶערִין בֶּאֱמֶת גֶעגֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר זִיךְ אַלֵיין; זִי אַלֵיין גֵייט שְׁפֶּעטֶער פַארְדִינֶען פוּן דֶעם גוּט וָוארְט. וִוי אַזוֹי? דִי מַאמֶע וֶועט נָאכְן הֶערְן דֶעם גוּטְן גְרוּס זָאגְן פַארְן קִינְד: **"מִיר וֶועלְן מַאכְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע פַארְבְּרֶענְג, מֶען גֵייט אוֹיסְטֵיילְן אַ גוּטֶע נַאשׁ, וַוייל דַיין לֶערֶערִין הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַ הֶערְלִיכֶע גְרוּס אוֹיף דִיר; זִי זָאגְט אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר וואוֹיל, אוּן אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ דָאס צוּ הֶערְן. שְׁכֹּחַ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן אַזֶעלְכֶע וואוֹילֶע קִינְדֶער".** וָואס גֶעשֶׁעט יֶעצְט? דָאס קִינְד וֵוייסְט נִישְׁט וָואס הָאט אִיר דָא בַּאטְרָאפְן, זִי אִיז דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל הַיינְט אִין שׁוּלֶע... אָבֶּער זִי טְרַאכְט: 'וַואוּו, מַיין לֶערֶערִין הַאלְט יָא פוּן מִיר? אוֹיבּ אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִיךְ מָארְגְן אוֹיפְפִירְן זֵייעֶר שֵׁיין, אִיךְ וֶועל שֵׁיין גְרִיסְן מַיין לֶערֶערִין אוּן אִיךְ וֶועל אִיר בַּאדַאנְקֶען'.

צוּמָארְגְנְס קוּמְט דָאס קִינְד אַרַיין אִין כִּתָּה אוּן גְרִיסְט שֵׁיין דִי לֶערֶערִין 'גוּט מָארְגְן', אוּן סוֹף טָאג זָאגְט זִי אִיר: **"יְיַשֵׁר כֹּחַ, אִיר זֶענְט מַיין בֶּעסְטֶע לֶערֶערִין".** דִי

# המשך שיעורים אין חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט״א

לערערין טראכט מיט איבערראשונג: 'זי איז אזא קלוג קינד, זי קומט מיר געבן א גוט ווארט', אבער זי כאפט נישט אז באמת האט זי אליין אנגעדרייט די גאנצע זאך.

עס איז אזוי ווי א באן וואס פארט: זי האט געגעבן א גוט ווארט פאר די מאמע - די מאמע האט עס ווייטער געגעבן פארן קינד - דאס קינד געבט עס צוריק פאר די לערערין - און די לערערין אליין ווערט שוין פון דעם מחוזק.

## א שטארקע דיסציפלין אין כתה

פון די אנדערע זייט דארפן מחנכים אויך געדענקען אוועקצושטעלן א שטארקע דיסציפלין אין כתה.

עס זענען דא מחנכים וואס יעדעס מאל וואס זיי זאגן שטרענג: **"מען קען נישט רעדן ווען א רבי רעדט"**, אדער **"מען קען נישט רעדן ווען א לערערין רעדט"**, ווערן זיי זייער דערשראקן, זיי פילן שלעכט ביי זיך פארוואס זיי זענען אזוי שטרענג. בפרט אויב דאס קינד צו וועם זיי האבן גערעדט איז א צעבראכן קינד וואס קומט פון א שווערע שטוב וכדומה.

מען דארף אבער וויסן: די צוויי זאכן זענען בכלל נישט קיין סתירה. דאס שענסטע און בעסטע זאך וואס מען קען געבן פאר א קינד, איז אים אויסצולערנען צו פאלגן און זיך אויפפירן מיט דרך ארץ.

מען דארף אוועקשטעלן א שטארקע דיסציפלין אין כתה און זאגן פאר די קינדער: **"מען קען נישט רעדן ווען א רבי (אדער א לערערין) רעדט"**, **"מען קען נישט עסן אין כתה אינמיטן טאג"**, **"דרך ארץ קדמה לתורה, דער אייבערשטער זאגט אז עס מוז זיין דרך ארץ"**. אין די זעלבע צייט דארף מען אבער האלטן קאפ צו געבן גוטע ווערטער פאר אלע קינדער, זיי אויסלויבן און אויסרימען.

וואויל איז פאר די מחנכים וואס בויען אויף די קינדער; זיי ווייזן פאר די קינדער אז זיי טראכטן פון זיי און אינטערעסירן זיך אין זיי, און געבן פאר יעדן קינד גוטע ווערטער.

# בריוון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט״א

## וואס טו איך מיט מיין בחור וואס מאכט מיך אוועק כסדר?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

איך האב א פראבלעם וואס שטערט מיך זייער שטארק, מיין זון - אן ערוואקסענער בחור - שרייט אויף מיר און קריטיקירט מיך; אויף יעדע קליינע זאך וואס ער קען טרעפן אז איך פיר זיך עפעס נישט אויף ווי די הלכה איז, לויט זיין פארשטאנד - וועט ער מיר גלייך פארהאלטן, און ער האלט מיך אין איין אוועקמאכן, איך שפיר ווי איך האלט עס נישט אויס; וואס טו איך?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ברכה, י״ג תשרי, שנת תשפ״ב לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

האסט זיך אביסל צו שפעט אויפגעוועקט; חינוך הייבט זיך אן ווען די קינדער זענען נאך גאר קליין, ווען זיי זענען צוויי יאר, דריי יאר, פיר יאר - דעמאלט איז די צייט זיי אויסצולערנען ווי אזוי מען רעדט צו טאטע מאמע.

זייער אסאך מאכן דעם טעות, מען לאזט די קליינע קינדער אויפוואקסן קרום, מען לאזט זיי ענטפערן פאר די עלטערן מיט חוצפה, מען זאגט: 'יעצט זענען זיי נאך קליין, מען דארף זיי נאכנישט מחנך זיין', און שפעטער ווען די קינדער וואקסן אויף - האט מען צער פון זיי.

אויב דו האסט נאך קליינע קינדער זאלסטו שוין אנהייבן זיי מחנך זיין ווי אזוי מען רעדט צו טאטע מאמע; שלמה המלך זאגט (משלי כג, יג-יד): "אל תמנע מנער מוסר", האלט זיך נישט צוריק פון זאגן מוסר פאר דיין קינד ווען ער איז יונג, "כי תכנו בשבט, לא ימות", האב נישט מורא אים צו שלאגן, ער וועט נישט שטארבן פון א פאטש, "אתה, בשבט תכנו", דו זאלסט אים שלאגן, "ונפשו, משאול תציל", אזוי וועסטו אים ראטעווען פון גיהנם.

יונגע קינדער דארף מען מחנך זיין צו פאלגן טאטע מאמע, קינדער דארפן וויסן אז א טאטע זאגט יא - איז יא, אז א מאמע זאגט ניין - איז ניין, און אז דאס קינד פאלגט נישט - געבט מען קליינע פעטשעלעך, אזוי ראטעוועט מען דאס קינד פון שלעכטס, אזוי וואקסן זיי אויף געזונט.

יעצט, וואס דו גייסט אריבער מיט דיין בחור אז ער האלט דיך פאר און רעדט נישט מיט דרך ארץ צו דיר; יעצט איז שוין אביסל שפעט, יעצט דארפסטו שוין ארבעטן מיט חכמה; ווען ער פירט זיך אויף נישט דרך ארץ'דיג זאלסטו אים זאגן: "מען טאר נישט אזוי רעדן צו א טאטע".

גרינגער וועט דיר זיין זיך אנצונעמען פאר דיין ווייב; ווען דו הערסט אים רעדן נישט שיין צו דיין ווייב - זאלסטו אים באמערקן דערויף און זאגן: "מען קען נישט רעדן אזוי צו מאמי", און דיין ווייב וועט דיר העלפן, ווען זי הערט ווי ער רעדט צו דיר נישט שיין זאל זי אים זאגן: "מען קען נישט רעדן אזוי צו טאטי"; אין יעדנפאלס זאלסטו אים זאגן: "מען קען נישט רעדן אזוי צו א טאטע".

חינוך איז פון די העכסטע זאכן ביי אידישע קינדער; ווען מען זעט זיך מיט קינדער מחוצפים, עזות פנימ'ער - ווייסט

מֶען נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, רוֹב מָאל אִיז דָאס דִי עֶלְטֶערְנְ'ס פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער, און וֶוען מֶען זֶעט קִינְדֶער בַּעֲלֵי דֶּרֶךְ אֶרֶץ - אִיז דִי קְרֶעדִיט דִי עֶלְטֶערְנְ'ס. אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, א): "בֵּן חָכָם", אַ קְלוּג קִינְד, "מוּסַר אָב", אִיז וַוייל עֶר הָאט אַ טַאטֶע וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, "וְלֵץ", און קִינְדֶער וָואס זֶענֶען לֵצִים, "לֹא שָׁמַע גְּעָרָה", אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט קֵיין גֶעשְׁרֵיי, נָאךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (שָׁם כב, טו): "אִוֶּלֶת, קְשׁוּרָה בְלֶב נָעַר", קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן מִיט נַארִישֶׁע נַאטוּרְן, "שֵׁבֶט מוּסָר, יַרְחִיקֶנָּה מִמֶּנּוּ", און מִיט שְׁטְרָאף נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

(קונטרס עצתו אמונה יום טוב סוכות, שנת תשפ"ב)

### וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען נִישְׁט אִין בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גֶעשְׁרִיבְּן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער מַיינֶע קִינְדֶער וָואס מֶען מַאכְט זֵיי פַאר פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין דִי מוֹסְדוֹת וואוּ זֵיי לֶערְנֶען כְּדֵי צוּ מַאכְן גֶעלְט אוֹיף זֵיי, אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זֵיי אַרַיינְשִׁיקְן אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מוֹסְדוֹת, אָבֶּער דֶערְוַוייל וִויל מַיין וַוייבּ נִישְׁט הֶערְן דֶערְפוּן.

אִיךְ פָּאלְג וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן נִישְׁט זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט מַיין וַוייבּ, אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן? מַיין הַארְץ גֵייט מִיר אוֹיס פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אִין בֵּית פֵיגָא, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיינֶע טֶעכְטֶער בַּיי דִי סְעוּדָה אַז שַׁבָּת אִיז דִי בֶּעסְטֶע טָאג פוּן דִי וָואךְ, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז אוֹיךְ זוּנְטָאג אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע טָאג פוּן דִי וָואךְ, וַוייל זוּנְטָאג אִיז אוֹיךְ נִישְׁטָא קֵיין סְקוּל...

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ וִויל מַיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן הָאבְּן דִי זִיסֶע לֶעבְּן וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט דּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה הַשָּׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ", מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנְ'עֶן אַז עֶס מוּז יֶעצְט זַיין אַזוֹי און אַזוֹי; דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט מִיט דֶעם וָואס דוּ ווִילְסְט אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי לִמּוּדִים אַזוֹי וִוי דוּ לֶעבְּסְט, דוּ ווִילְסְט זֵיי זָאלְן אוֹיךְ לֶעבְּן פִיר און צְוָואנְצִיג שָׁעָה מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָבֶּער אַז דַיין וַוייבּ עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ, זִי ווִיל נִישְׁט הֶערְן פוּן גָארְנִישְׁט - זָאלְסְטוּ הָאבְּן שֵׂכֶל נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם.

דוּ וואוֹינְסְט דָאךְ סָמוּךְ וְנִרְאֶה צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער, גֵיי אַרוֹיף יֶעדְן טָאג דָארְט צוּם צִיּוּן און בֶּעט פַאר דִיר, פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת און פַאר אַלֶע אִידְן; בַּיי אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק קֶען מֶען פּוֹעֵלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. דֶערְצֵייל אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ הֵיילִיגֶע חִנּוּךְ, אַן עֶרְלִיכְן חִנּוּךְ; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, און אַלֶע דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ.

דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן; גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַ וַוייבּ דַארְף מֶען גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער. אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט - זָאלְסְטוּ אִיר בַּארוּאִיגְן, זָאג אִיר: "נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט זַיין גְרוֹיס שֶׁפַע, אִיךְ וֶועל דִיר אַלֶעס גֶעבְּן וָואס דוּ ווִילְסְט"; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אִין שְׁטוּבּ, עֶס וֶועט זַיין אַלֶע בְּרָכוֹת בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת וארא, שנת תשפ"ב)


**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

דרוקט: 1-2-4-2

**- שמעו ותחי נפשכם -**



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



**קול ברסלב**

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876